פרשת כי תצא, ט' אלול תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ"ד

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................................7:19
מוצאי שבת ......................................8:48

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### אלע משפחות אין שטעטל

פאר זומער איז געווען א ספק וואו דער ראש ישיבה שליט"א מיט די בחורים צוזאמען מיט די משפחות וועלן זיין במשך דעם זומער, מען האט געטראכט פון קומען אין שטעטל אבער עס איז אראפ פון טיש ווייל אויף פאפיר האט עס נישט געשטימט וויאזוי עס גייט זיין פלאץ פאר משפחות צוזאמען מיט אלע בחורים פון ישיבה, און אזוי אויך אלע תלמידות פון סקול. מיר אלע אין שטעטל האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל יא זיין אין שטעטל פארן זומער אפילו מען ווייסט נישט וויאזוי עס קען צושטאנד קומען, ביים אייבערשטן איז דאך אלעס מעגליך; שכח אייבערשטער מען דערזעהט זיך שוין יעצט נאכן זומער און יא עס איז א פאקט, דא איז געווען פלאץ פאר משפחות, עס איז געווען פלאץ סיי פאר די אינגע בחורים און סיי פאר די עלטערע בחורים, אזוי אויך האט מען צוגעשטעלט א פלאץ פאר אלע בית פיגא תלמידות, שכח אייבערשטער פאר דעם שיינעם זומער וואס מיר האבן געהאט!

### אברהם הערש וועבערמאן - מנחם שטיינבערג

איך האב זייער שטארק געוואלט מיטהאלטן דעם דף שיעור יעדן אינדערפרי וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר, אבער אזויווי איך דארף גיין צו די ארבעט האב איך נישט געקענט מיטהאלן דעם שיעור נאר אויפן טעלעפאון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען זיין ביים שיעור, שכח אייבערשטער אז מיין אפיס וואו איך ארבעט האט זיך אהערגעצויגן דא אין שטעטל, אזוי האב איך שוין די לעצטע צייט געקענט מיטהאלטן דעם הערליכן דף שיעור יעדן אינדערפרי.

### שלמה יאקאבאוויטש

איך האב געהאלטן אינמיטן ארבעטן אויף דעם בוילער אין בית המדרש, אינמיטן האט די פייער אויפגעפלאצט אויף מיין פנים רחמנא לצלן, איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט זיין חס וחלילה א סכנה פאר מיר, און עס זאל זיך שנעל אויסהיילן אויף א שיינעם וועג, שכח אייבערשטער אז עס איז נישט געווען קיין סכנה, און שכח אייבערשטער אז עס היילט זיך אויס זייער שיין.

## ברוכים הבאים בשם השם - סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**שרולי סאמעט נ"י וזוגתו מלכה תחי'**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

אין די זעלבע צייט טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן דעם זומער ביי אונז אין שטעטל.

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין דעם הייליג'ן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליג'ן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

## נייעס אין שטעטל

### קרן הדפסה בנין רוקט זיך פאראויס

די ארבעט ביי דעם נייעם קרן הדפסה בנין אין שטעטל גייט אן מיט'ן פולסטן שטארקייט, נאכדעם וואס מען האט שוין ברוך השם באקומען די פערמיטן צו אויפשטעלן דעם בנין מפואר, וואס פון דא וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסקומען א ליכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט.

אנגעהויבן האט זיך עס אפאר וואכן צוריק ווען די טראקטארן האבן אנגעהויבן גראבן צו אנגרייטן די באדן צו קענען גיסן די יסודות פונעם בנין, גלייך ווען עס איז אנגעקומען די מאטריאל פאר דעם בנין האט דער ראש ישיבה שליט"א צוזאמען מיט די בחורים זיך גענומען צו די ארבעט און אראפגענומען אלעס פון דעם טרעילער איין זויל נאכן אנדערן, [ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן פאר די בחורים: קום העלפן אויפשטעלן דעם בנין כדי נאך אידן זאלן וויסן פון די הייליגע עצות וואס דו ווייסט שוין יעצט אדאנק די ספרים קונטרסים און גליונות] דערנאך האט מען זיך גענומען צו די ארבעט אלעס אנצוגרייטן מען זאל קענען גיסן די יסודות.

פארגאנגענעם זונטאג כי תצא העעל"ט האט מען אינסטאלירט די יסודות פון דעם בנין, מען האט איינגעשפאנט אפאר געטרייע בחורי הישיבה וואס פארשטייען צו בויען וואס האבן געארבעט גאר שווער עס צו פערטיגן ווי אמשנעלסטן, ווי אלעס איז געווארן ארויסגעארבעט אקוראט לויט די פלענער פון דעם בנין.

דערנאך האט מען ווייטער געארבעט אנצופילן אלע לעכער ווי מען האט געגאסן קאנקריט.

מען ארבעט יעדן טאג פלייסיג צו קענען האבן דעם בנין פארטיג ווי אמשנעלסטן, אין די קומענדיגע וואכן וועט מען אם ירצה השם שרייבן ווייטערדיגע פארשריט וואו מען האלט מיטן נייעם בנין קרן הדפסה היכל הקודש ליבערטי נ"י.

### די זומער קומט צו אן ענדע

גאר א שיינער זומער איז פאראיבער אין שטעטל צוזאמען מיט אלע געסט וואס האבן פארברענגט דא במשך די זומער טעג.

קוים האט מען געהערט די גוטע בשורה אז די שטעטל וועט האבן די זכיה צו אויפנעמען אלע חשוב'ע געסט פאר'ן זומער, און מען האלט שוין יעצט ביים סוף פון דעם זומער, אבער ווי אלע קענען מעיד זיין איז עס פאראיבער גאר גאר שיין.

אנגעהויבן מיט די הערליכע דרשות יעדן אויפדערנאכט פון וואס אלע האבן זיכער ארויסגענומען הדרכה חיזוק און עצות פאר דעם גאנצן לעבן.

און אוודאי וועט נישט אזוי שנעל פארגעסן ווערן די הערליכע שבתים וואס מען האט געהאט צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, די דאווענען, די באטעס, די סיפורי מעשיות שיעורים, די שלש סעודות תורות, און בפרט די מלוה מלכה שיעורים, וואס דאס אלעס וועט זיכער באגלייטן יעדן איינעם פערזענליך פאר א גאר א לאנגע צייט.

ובפרט די דרשות וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט רעקארדירט אין שטעטל פאר נשות אנשי שלומינו פון וואס אלע פרויען פון איבעראל אין אנדערע געגענטער האבן אויך הנאה געהאט, און ווי מען הערט צוריק פון די חשוב'ע פרויען איז די שיעורים דא אין שטעטל געווען עפעס גאר ספעציעל.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט"א זאל האבן כח ווייטער ממשיך צו זיין מיט זיין עבודת הקודש און קענען אריין ברענגן דעם אייבערשטנ'ס נאמען אין די גאנצער וועלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

## אויף חֲתוּנוֹת שְׁפָּארְט מֶען; פַּארְוָואס אוֹיף אוּמַאן גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן אִיבְּרִיג גֶעלְט אוֹיף אִידִישֶׁע שִׂמְחוֹת, אַז מְ'זָאל שְׁפָּארְן וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין טַייעֶרֶע שִׂמְחוֹת.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶער וֶוען סְ'קוּמְט צוּ אוּמַאן, וָואס דָאס קָאסְט אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי טִיקֶעטְס, אַכְסַנְיָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָארְט גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט. פַּארְוָואס אִיז דָאס אַנְדֶערְשׁ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶער חִילוּק פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה צוּ גֶעוִוינֶען דֶערְבֵּיי אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה וְכוּ', בִּיז אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט צוּלִיבּ פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּ אַ צַדִיק וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז עֶר וֶועט אִים פַארֶרעכְטְן מִיט אַן אֵייבִּיגֶער תִּיקוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי אַלֶע וָואס פָּארְן קַיין אוּמַאן אוּן צָאלְן אַלֶע גֶעלְטֶער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי זֵיי אִיז דָאס וִוי וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערְ'ן מִשְׁפָּט. וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ מִשְׁפָּט נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחֲמָנָא לִצְלָן, דַאן נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - אֲפִילוּ עֶס זָאל קָאסְטְן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם גָאר טַייעֶרְן לוֹיעֶר וָואס עֶר קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִין וָואס: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם", דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ נֶעמֶען אַ גוּטְן לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

**דֶער רֶבִּי - עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט;** דֶערְפַאר פָּארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ עֶס אִיז אוּנְז שְׁוֶוער, אוּן מִיר צָאלְן פַאר דֶעם אַלֶע גֶעלְט וָואס פַארְלַאנְגְט זִיךְ פַאר דֶעם אַבִּי צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן מַאכְן שִׂמְחוֹת וֶוערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן; מֶען בָּארְגְט פוּן חֲבֵרִים, קְרוֹבִים, מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן וֶוען עֶס קוּמְט אֵיין שִׂמְחָה נָאכְ'ן צְוֵוייטְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "**פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גְלַייךְ, אָבֶער פַאר אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן, פַאר מוֹתְרוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן - דָארְט וֶוערְט מֶען פַארְשְׁוַוארְצְט**".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר זָאל אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי גָלוּת פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אוּן פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע גָלוּת וָואס מִיר לֵייגְן זִיךְ אַלֵיינְס אַרוֹיף, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן וָואס מִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען: "וּשְׁבֹר עוֹל הַגּוֹיִם", דֶער גָלוּת פוּן דִי פֶעלְקֶער, "וְעוֹל הַגָּלֻיּוֹת", אוּן דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת, "מֵעַל צַוָּארֵנוּ, וְתוֹלִיכֵנוּ מְהֵרָה קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**




א) ווען האט דער הייליגער רבי חתונה געהאט?

ב) וועלכע טאג אין די וואך פלעגט מוהרא"ש ז"ע געבן דעם שיעור?

ג) "קליינע קינדער מוציא מיט האניג" ווען האט זיך דער הייליגער רבי דאס אויסגעדריקט?

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הילד שמעון ראטה נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
די גורל וועט פארקומען קומענדיגן דינסטאג אין תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) ראש השנה תקע"א
ב) 75 יאר
ג) די צוועלפטע מעשה

**שחרית ר"ח אלול מיט די קינדער**



**ביים אינסטאלירן די ביעמס פאר'ן הדפסה בנין**



**אומאן אומאן ראש השנה**

